בס"ד

# תורת אביגדור

באידיש

## הגה"צ ר' אביגדור מיללער זצ"ל

ספר בראשית

נתנדב לזכות יואל בן אסתר רחל
וזג' הינצא יהודית בת אסתר ניסל, וכל יוצאי חלציהם

## פרשת בראשית

# בזעת אפיך תאכל לחם

פרנס השבוע

נתנדב לרגל הבר מצוה
של הבחור יצחק שווארטץ ני"ו

...

זיכוי הרבים יעמוד לכל הנדבנים החשובים, ומשתתפים בהדפסה, והפצה,
שיזכו לראות רב נחת דקדושה מכל יוצ"ח ולהתברך בכל מילי דמיטב.



לימוד "תורת אביגדור" מוקדש לע"נ האי גברא רבא,
איש יקר מאוד נעלה, רודף צדקה וחסד בכל נימי נפשו,

**הרה"ח המפואר מו"ה ר' מיכאל משה יהודה**
**ב"ר יצחק ישכר מנחם מנדל זילבערבערג ע"ה**

**הוא הגבר מוליך ומביא כמה שנים, מידי שבוע בשבוע, מבית מדרש לבית מדרש להפיץ הגליונות "תורת אביגדור" במטרה להרבות כבוד שמים.**

זכה וזיכה הרבים במסירות נפש עד זיבולא בתרייתא כשנפ' ערב חג הסוכות תשפ"ב. יהא זכרו ברוך

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת,
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**,

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**צו מנדב זיין "תורת אביגדור" רופט:**
**פאר וויליאמסבורג: 929.236.6802**
**פאר קרית יואל: 845.213.7571**

און לאזט א מעסעטשט
לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן

**לכבוד די נדיבי לב!**

פאר די וואס ווילן מנדב זיין די תורת אביגדור ביטע אונז אנטקעגען קומען
ווייל מיר ווייסן נישט ווער איר זענט, צו קענען פון אייך בעטן געלט

בעריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש

© Copyright 2021 by: TorasAvigdor.org

Email: Director@torasavigdor.org | Telephone: 347.451.0332
Address: 1276 50th street, Brooklyn NY 11219

# פרשת בראשית

שנה ד'

# בזעת אפיך תאכל לחם

## בעצבון תאכלנה

יעדער ווייסט אז די קללה פון **בזעת אפיך תאכל לחם** (בראשית ג, יט), אז מ'וועט דארפן שוויצן צו קענען עסן דאס ברויט, איז ארויפגעלייגט געווארן אויף אונז, צוליב די זינד פון אדם הראשון. יעדעס יונגל אין חדר ווייסט, אז צוליב דעם וואס דער ערשטער מענטש האט ווידערגעשפעניגט אינעם באפעל פון הקדוש ברוך הוא און געגעסן פונעם עץ הדעת, דארף די גאנצע וועלט ארבעטן ביטער שווער פאר פרנסה.

טייל מענטשן ארבעטן מער און אנדערע ארבעטן ווייניגער, אבער נישט קיין חילוק ווער און וואו, דארף מען אייביג שוויצן צו מאכן פרנסה. כדי צו קענען לייגן ברויט אויפן טיש און צו האבן אביסל עסן אין פריזשידער דארף מען זיין אן ארבייטער.

ס'איז וויכטיג ארויסצוברענגען וואס עס מיינען די ווערטער פונעם אויבערשטן **ארורה האדמה בעבורך** (שם, יז), די ערד וועט זיין פארשאלטן פאר דיר. איינס פון די וויכטיגסטע פרינציפן פון די תורה איז, אז ווען דער אויבערשטער באשטראפט פאר א זינד, איז עס נישט א שטראף ווי מיר מיינען. נאר ס'איז אזוי ווי א דאקטאר וואס געבט א מעדיצין פאר א קראנקן. וועט עמיצער דען זאגן, אז ווייל ער האט אן אנצינדונג דארף ער זיך גארגלען מיט מעדיצין? ניין, דער פאציענט האט עפעס וואס דארף ווערן געהיילט, דערפאר דארף ער נעמען מעדיצין.

אזוי איז יעדע שטראף וואס דער אויבערשטער געבט א מעדיצין צו היילן דעם מענטש. ווי נאריש איז איינער וואס האט טענות אויפ'ן דאקטאר פאר'ן אים וועלן אויסהיילן. ער קומט צו אים, ער צאלט אים געלט, און שפעטער איז ער ברוגז אויף אים...

ווען מיר לייענען אין די תורה איבער די קללה פון **בזעת אפיך תאכל לחם**, פארשטייען מיר אז דאס איז אויסגעפלאנט געווארן דורך הקדוש ברוך הוא פאר אונזער טובה וועגן, אז עס זאל זיין א רפואה פאר אונז.

פארשטייט זיך אז ווען השי"ת טוט עפעס, איז אייביג דא מער ווי איין סיבה דערפאר. עס איז נישט ווי דער דאקטאר וואס האט איין סיבה צו מאכן אן אפעראציע, און וואס ברענגט עטליכע זייטיגע נאכווייען וואס איז נישט אזוי גוט. השי"ת איז גענוג גרויס צו געבן איין מעדיצין וואס

האט עטליכע צילן, און דערצו אן קיין שום זייטיגע נאכווייען.

## א חטא איז ערגער ווי אראפפאלן פון דאך!

ווען איר גייט אין די גאס און איר זעט א שווארצער מאן מיט ברייטע מוסקלען אויסהאקן די צעמענט צו לייגן רערן, ווען עס גיסט זיך פון אים דער שווייס, זאלט איר וויסן אז דאס איז א מעסעדזש מן השמים אייך צו דערמאנען דעם פסק פון **בזעת אפיך תאכל**. דער מאן פון די גאס איז א שליח אייך צו ווייזן די רעזולטאטן פון א חטא.

מען דארף פארשטיין אז אדם הראשון האט נישט געלעבט א לעבן פון זינד. ער איז געווען אן ערליכער מענטש. ער האט נישט גע'רצח'נט אדער גערויבעוועט, סך הכל האט ער איין מאל געגעסן עפעס וואס איז געווען פארבאטן... איין מאל; איין זינד, דאס אלעס! און דאס איינע זינד האט געברענגט אויף די וועלט א פינסטערניש, א ביטערניש וואס וועט אנהאלטן לעולם ועד.

פון דא קען מען ארויסלערנען אז א זינד איז נישט בלויז א טעות; ס'איז נישט א קלייניקייט אין א מענטשנ'ס לעבן וואס קען ווערן איגנארירט. א זינד איז אן ערד ציטערניש! גלייך פון אנהייב, ביים וועלט באשאף האבן מיר שוין באקומען א לעקציע וואס דאס מיינט ווען א מענטש זינדיגט. ווי שטארק טוט ווי ווען א מענטש פאלט אראפ פון א דאך, נאר איין מאל...? מ'דארף אים מער נישט ווארענען! יעדער ווייסט אז אראפפאלן פון א דאך אפילו נאר איין מאל איז א געוואלדיגע סכנה. איין חטא איז ערגער ווי אראפפאלן פון א דאך!

## יעדער ביי זיין ארבעט

איר זיצט אין אייער אפיס, ווען איר וואלט בעסער געוואלט טוען אנדערע זאכן מיט אייער לעבן. איר ווילט אודאי גיין אין ביהמ"ד, אדער אויב איר זענט נישט א מבקש, וואלט איר געוואלט זיך שפילען ביים וואסער. איר פילט ווי איר פארשווענדט אייער לעבן ביי די ארבעט, זאלט איר וויסן אז איר קענט יעצט ארויסנעמען א וויכטיגע לעקציע פאר אייער לעבן. די שווערע ארבעט איז דא אייך צו דערמאנען די הארבקייט פון אן עבירה.

יעדע ארבעט וואס מוטשעט אויס דעם מענטש, עקזיסטירט כדי איינצוקריצן א לעקציע אינעם מח פון מענטש. ער זאל געדענקען די הארבקייט פון זינדיגן. דערפאר לייענען מיר דאס איבער אין די תורה יאר איין יאר אויס. יעדעס מאל די זעלבע מעשה, ווייל איין מאל דאס צו לייענען איז נישט גענוג.

דער זכר פון בזעת אפיך, איז דא אונז צו דערמאנען אז א זינד איז נישט סתם עפעס א קליינע טאהט וואס האט געדויערט עטליכע סעקונדעס צו טוען. מ'דארף זיך מתבונן זיין אין די גרויסקייט פון דעם וועמענ'ס אנזאג מ'האט עובר געווען - הקדוש ברוך הוא וואס איז מלא כל הארץ כבודו. ס'איז א גרויסקייט עד אין סוף, ס'ציט זיך איבער ווייטע שטרעקעס ביז צו די הויכע ספערן אן קיין ענדע. דאס מיינט אז איר האט עובר געווען א ציווי פון איינער וואס איז אֵין סוֹף און זיינע ווערטער זענען געגוי.

קיין איין זינד איז נישט צו קליין. א מענטש זאל נישט זאגן "אקעי, כ'האב געגעסן עפעס וואס איז נישט אויסגעהאלטן, וואס קען שוין זיין?" אויסדריקליך אז יא, יעדע זינד האט א ווייטגרייכנדע השפעה. צוליב די "קליינע" זינד פון אדם וחוה, לערנען מיר נאך אלץ א לעקציע

אזוי פיל דורות שפעטער.

## תפילה ביי די ארבעט

מיט וואס איז דער מענטש אנדערש ווי אנדערע באשעפענישן מיט זייערע אינסטינקטן. נעכטן, גייענדיג אין גאס האב איך נאכגעקוקט א פויגל ווי זי האט זיך געמוטשעט מיט איר מויל ארויסצושלעפן א שטיקל פאפיר מיט וואס זי איז אוועקגעפלויגן צו לייגן אין איר נעסט. איך האב אריינגעקלערט אין די חכמה פון פייגל וואס זי ווייסט פונקטליך וואס זי האט צוטוען. איר מאמע קען נישט רעדן, זי האט איר גארנישט געקענט אויסלערנען און דאך ווייסט זי וואו צו לייגן אירע אייער. דער אויבערשטער האט איינגעווארצלט אין איר קליינעם מח א מעכאניזם צו זאמלען אלע סארט שמאנצעס פאר א נעסט, וואו אירע קליינע פייגל וועלן שפעטער ארויסקומען פון די אייער.

ווען מיר קוקן אריין אין די נאטור, זעען מיר ווי אזוי דער אויבערשטער האט צוגעשטעלט פאר אלע באשעפענישן - פון חיות ביז אינזעקטן - די חכמה וואס זיי דארפן זיך צו דערהאלטן ביים לעבן און זיך אפגעבן מיט די קליינווארג, אויסער איינער, דאס איז דער מענטש!

א מענטש איז נישט געבוירן געווארן אויטאמאטיש צו וויסן אליין וואס ער האט צו טוען. ער האט נישט באקומען קיין ספעציעלע כלים זיך צו דערהאלטן ביים לעבן. זאל ער כאטש האבן שארפע נעגל זיך ארויסצוהעלפן. שארפע נעגל זענען פראקטיש צו קריכן אויףביימער אדער צו שניידן זיינע געברויכן.

פארוואס זאל א מענטש נישט האבן דעם אייגנשאפט פון א שפין וואס נעמט ארום דעם פליג וואו זי ווערט פארכאפט. דערצו איז דאס שפין-וועבעכץ אויך א פריזשידער וואס האלט דאס פליג פריש, אז ווען ס'כאפט איר א הונגער זאל זי קענען צוגיין צום פליג און כאפן אן איבערבייס.

ס'איז נישט א נארישע שאלה וואס איך פרעג, מ'דארף זיך מתבונן זיין פארוואס דער מענטש איז נישט געבוירן מיט אזעלכע אינסטינקן אזוי ווי די אנדערע באשעפענישן.

## דאס לעבן אין גן עדן

אדם הראשון פאר'ן זינדיגן האט געוואוינט אין גן עדן, א גארטן אנגעפילט מיט פרוכט ביימער. **מכל עץ הגן אכול תאכל** (בראשית ב, טז), פון אלע ביימער אינעם גארטן קענסטו עסן, באפעלט אים דער אויבערשטער. די פרוכט פון די ביימער האבן געהאט אלע מיני טעמים. אדם און חוה האבן געקענט פילן דעם טעם פון ברויט, אייער, פיש און פלייש. עס איז געווען **נחמד למראה וטוב למאכל** (שם, ט), פירות מיט א גלוסטיגע אויסזען און געשמאק צום עסן. אזעלכע הערליכע פרוכט וועט איר נישט טרעפן אין די טייערסטע פרוכט געשעפטן.

נאך דעם חטא פון עץ הדעת זענען זיי פארטריבן געווארן פון גן עדן. יעצט האט זיך אנגעהויבן א ניי לעבן פאר זיי. **אדם** דארף ביטער שווער ארבעטן אליין איינצופלאנצן די קערנדלעך אז עס זאל ארויסשפראצן עסן זיך צו דערהאלטן דאס לעבן. אנשטאט זיין גרינג לעבן אין גן עדן - איז ער געצוואונגען זיך צו ווענדן צום באשעפער ביי יעדע טריט און שריט.

מיר דארפן פארשטיין אז די נייע סיסטעם פון עקזיסטענץ פאר די מענטשהייט, איז געווארן אזוי פלאנירט פון אנהייב. פון בראשית אן האט דער אויבערשטער געוואלט אז דער מענטש זאל לעבן דורכ'ן ארבעטן פאר עסן און פרנסה. ער האט געוואוסט אז אדם וועט אדורכפאלן האט ער אנגעגרייט דעם עתיד לויט דעם. וואס וואלט געווען אויב אדם וואלט נישט געזינדיגט? די וועלט וואלט געווען א גן עדן, אבער דאס איז נאר א השערה, מיר דארפן וויסן אז דער אויבערשטער האט אלעס פאראויס געזען און לויט דעם האט ער באשאפן די וועלט.

ווען אדם האט אנגעהויבן צו ארבעטן און דער שווייס פלעגט רינען איבער זיין פנים, פלעגט ער צוריקקוקן מיט בענקשאפט אויף די גוטע צייטן ווען ער האט געלעבט זארגלאז אין גן עדן. ער וואלט אבער געדארפט וויסן אז דער גרויסער דאקטאר וויל אים דא היילן, **ער זאל אויפהייבן זיינע אויגן צום הימל. און דאס איז די גרעסטע דערגרייכונג אויף דער וועלט!**

## הייב אויף דיינע אויגן מיט א תפילה צום אויבערשטן

אויב דער מענטש וואלט געבוירן געווארן מיט די מעגליכקייט צו עסן גראז אזוי ווי די קיען און ציגן, וואלט געווען א מחיה. מיר וואלטן ארויס אין די גאס און זיך דערקוויקט מיט גראז, וואס איז נישט שווער צו טרעפן. וואו מ'גייט און וואו מ'שטייט, טרעפט מען גראז. די ציגן האבן א גרינגע פרנסה.

אבער דער אויבערשטער האט גרעסערע פלענער פאר אונז ווי ער האט פאר ציגן. ער וועט אונז נישט לאזן טרעפן געלט וואקסן אויפ'ן בוים. ער וויל אז מיר זאלן שפאצירן איבער די רייעס פון די גראסערי צו וויסן וואס מיר ווילן קויפן. יעצט דארפן מיר האבן געלט דערצו, וועט איר דארפן ארבעטן פאר דעם, און צו טרעפן ארבעט וועט איר מוזן זיך ווענדן צו אים.

די פארמערס זענען כסדר פארנומען מתפלל צו זיין צום באשעפער פאר רעגן. די רעגירונג קען ציען וואסער רערן און אנדערע פאטענטן אבער ס'איז נישט צופיל ווערד. די פארמערס דארפן כסדר ארויפקוקן צום הימל צו זוכן די וואלקנס, א קלוגער פארמער וועט קוקן העכער די וואלקנס צו דעם ווער עס שיקט די רעגן. ער וועט שרייען און בעטןביים באשעפער פאר רעגן.

און נישט נאר פארמערס דארפן ארויפקוקן צום הימל. אויך די שטאטישע ארבייטער דארפן בעטן און מתפלל זיין אויף פרנסה. **דאס איז אונזער רפואה זיך צו ווענדן צום באשעפער פאר הילף.** דאס געברויך פאר פרנסה געבעט אונז א שטופ מתפלל צו זיין צו השי"ת. נישט קיין חילוק מיט וואס איר באשעפטיגט זיך, דארפט איר כסדר אנקומען צו די חסדים פון באשעפער. אויב איר זענט א מגיד שיעור דארפט איר מתפלל זיין איידער איר געבט א שיעור. אויב איר זענט א ביזנעס־מאן דארפט איר בעטן פאר הצלחה אז איר זאלט מצליח זיין אין אייערע געשעפטן. א געשעפט אייגנטימער דארף בעטן פאר קליענטן. וואס אימער איר טוט וועט איר מוזן אויסשרייען נאר צו השי"ת.

יעצט קענען מיר קומען צו די מסקנא אז ארבעטן איז א ברכה. מיר פארשטייען שוין אז די שטראף פון אדם איז געווען א מעדיצין פאר אונז, וואס האט געראטעוועט די קומענדיגע דורות. **דערפאר דארפן מיר זיין דאנקבאר פאר די גזירה פון בזעת אפיך תאכל לחם, אז מיר וועלן שטענדיג ארויפקוקן צום באשעפער.**

# א ווארט אויף די פרשה

**וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים הִנֵּה נָתַתִּי לָכֶם אֶת כָּל עֵשֶׂב זֹרֵעַ זֶרַע, אֲשֶׁר עַל פְּנֵי כָל הָאָרֶץ,**
**וְאֶת כָּל הָעֵץ אֲשֶׁר בּוֹ פְרִי עֵץ זֹרֵעַ זָרַע, לָכֶם יִהְיֶה לְאָכְלָה**
(בראשית א, כט).

מיט די ווערטער האט דער אויבערשטער צום ערשטן מאל פארגעשטעלט דעם ענין פון עסן.

עס איז אינטערעסאנט פארוואס דער אויבערשטער דערמאנט אין פסוק אז די פרוכט און גרינצייג זענען **זֹרֵעַ זָרַע**, זיי האבן קערנדלעך אין זיך. עטליכע פסוקים פריער ווען דער אויבערשטער האט באפוילן אז דער ערד זאל ארויסגעבן פלאנצונגען, שטייט, תוצא הארץ... עץ פרי... אשר **זרעו** בו, די ערד זאל פראדוצירןביימער מיט קערנדלעך אין זיך, פארשטייען מיר אז ס'האט אויסגעפעלט דאס צו זאגן; די ווערטער זענען געווען א באפעל. אבער דא ווען דער מענטש ווערט געגעבן רשות צו עסן, וואס פעלט אים אויס די אינפארמאציע אז ס'איז דא קערנדלעך אין די פרוכט.

ווען איך עס אן עפל דארף איך וויסן אז עס האט קערנדלעך? דער ענטפער איז, אז נישט נאר אז ער געבט רשות צו עסן, נאר דער אויבערשטער וויל אויסלערנען די מענטשן ווי אזוי צו עסן.

א קוה דארף זיך נישט לערנען צו עסן. ער גייט ארויס אין פעלד און ער מאכט זיך זאט. דער אויבערשטער זאגט אונז אין פסוק אז פון אונז ערווארט ער מער ווי פון די קיען.

דאס איז וואס דער אויבערשטער לערנט אונז אינעם פסוק, וואו ער לערנט אונז ווי אזוי צו עסן, נישט אז מיר זאלן צולייגן וואג אויף זיך, נאר מיר זאלן צולייגן מחשבה... **ונחמד העץ להשכיל** (בראשית ג, ו). ווען איר עסט א פרוכט וועט איר באקומען דעת. נישט נאר די פרוכט און די זאפט געבט אייך בענעפיטן, נאר אייער מח וועט אויך בענעפיטירן דורכ'ן קוקן אויף די קערנדלעך. דער אויבערשטער וויל נישט נאר אז איר זאלט עסן די פרי, נאר איר זאלט עסן די פרי **עץ זרע זרע**. ער וויל אז איר זאלט באמערקן די קערנדלעך וואס יעדעס איינע פון זיי איז א נס פאר זיך. יעדעס קערנדל באזונדער האט אינעווייניג אין זיך אנווייזונגען ווי אזוי צו באשאפן א גאנצער פרוכט בוים. א קערנדל פון א טאמאטע קען ארויסגעבן א גאנצע טאמאטע פלאנצונג. אין יעדעס קערנדל איז דא ביליאנען אנווייזונגען.

יעדעס קערנדל פון אן עפל איז אזא וואונדער אז עס וואלט געדארפט זיין אויסגעשטעלט אין א מוזעאום. אן עפל קערנדל האט אין זיך ד"י ע"ן ע"י, מ'קען עס נישט זען אבער ס'איז דארט. דאס זאגט פאר'ן קערנדל ווי אזוי צו מאכן א בוים ווען ס'ווערט איינגעפלאנצט אין דער ערד. אויך די אנווייזונגען ווי אזוי אויסצופירן די קאמפליצירטע פליכטן איז איינגעקריצט אינעם קליינעם קערנדל. עס וואלט זיך פארלאנגט א גאנצער בנין פון די מאשינערייען, לאבאראטאריעס און פאבריקן דאס אהערצושטעלן, און דאס אלעס געפינט זיך אין א פיצל קערנדל.

ווען איך עס א פרוכט אדער א גרינצייג, נעם איך ארויס עטליכע קערנדלעך און איך לייג זיי אוועק אין מיין טאש. פון צייט צו צייט נעם איך זיי ארויס כדי עס צו באטראכטן פון דער נאנט.

איך באוואונדער דעם נס פון דעם. דאס איז די סיבה פארוואס השי"ת האט צוגעלייגט די איבריגע ווערטער אין פסוק, אז מיר זאלן וויסן וואס א קערנדל איז. מענטשן שרייבן מיר בריוו אז איך זאל זיי שיקן פון מיינע קערנדלעך, און איך שיק זיי מיינע "וואונדערליכע" קערנדלעך מיט די פאָסט...

די ציל פון פרוכט איז נישט ווי מענטשן מיינען אז מ'זאל זיי עסן, נאר אז מ'זאל זיי זען! פארשטייט זיך אז נאכדעם וואס איר האט דאס שוין באטראכט, און געארבעט אייער עבודה פון אנערקענען אין השי"ת, דאן פארדינט איר זיך שוין זיך צו דערפרישן מיט דעם. איר מאכט אן ערליכע ברכה און איר קענט הנאה האבן פון די פרי. אבער צו עסן אן עס צו באטראכטן איז א שאד פאר די פרוכט, נישט פאר דעם האט דאס דער אויבערשטער באשאפן. דער אויבערשטער האט באשאפן די וואונדערליכע פרוכט און גרינצייג אז מיר זאלן אנערקענען ווער עס האט דאס באשאפן.

# שאלות ותשובות

## מיט הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

### שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך

### שאלה:

**איז וויכטיג צו זאגן די תפילה פון הריני מוחל פאר קריאת שמע שעל המטה פאר מענטשן וואס האבן מיך בא'עוול'ט?**

### תשובה:

איר זענט נישט מחוייב, אבער אויב איר זאגט עס איז עס א גוטע ביזנעס געלעגנהייט. אזוי ווי די גמרא זאגט (ראש השנה יז.), אויפ'ן פסוק **נושא עון ועובר על פשע**, פאר וועמען וועט דער אויבערשטער פארגעבן זיינע זינד? צו די וואס זענען עובר על פשע. אויב איר זענט מוחל די וואס האבן אייך שלעכטס געטוען וועט דער אויבערשטער אייך מוחל זיין.

דעריבער לוינט זיך דאס געשעפט. אויב איר ווילט נישט זאגן הריני מוחל מוזט איר נישט, אבער אויב איר זאגט עס, מוזט איר דאס אמת'דיג מיינען. איר מוזט צולייגן מחשבה צו די ווערטער, און נישט נאר מורמלען די תפילה בלויז ווייל ס'שטייט אין סידור, מיט דעם האט איר גארנישט אויפגעטוען. איר דארפט אריינקלערן וואס איר זאגט. איר זאלט טראכטן פון אייער מיטארבעטער, שכן, אדער אייער פרוי וואס האט אייך בא'עוול'ט און זיי מוחל זיין מיט'ן גאנצן הארץ.

**באמערקונג:** דער כלל איז. צומאל קען א שאלה געענטפערט ווערן לויט די מענטש (מענטשן) וואס פרעגט, לויט די צייט, און לויט די פלאץ.